


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

**געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.**
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

פרשת שופטים תשפ"ג •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 326

## אמרות שמשון

### ווען מען טוט רצון ה' דארף מען נישט מורא האבן • מיטן טון רצון ה' טוט מען פארשפרייטן די נאמען פונעם אויבערשטן

***תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אַתָּה יוֹרֵשׁ אוֹתָם אֶל מְעֹנְנִים וְאֶל קֹסְמִים יִשְׁמָעוּ וְאַתָּה לֹא כֵן נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ* (יח, יג-יד):** עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (ילקוט שמעוני ישעיה רמז תנ"ה), אויפן פסוק אין 'נביא' (ישעי' מג, יב), ***וְאַתֶּם עֵדַי נְאֻם יְיָ וַאֲנִי אֵל***. דרש'ענט דער מדרש, **כשאתם עדי אני א-ל, וכשאין אתם עדי כביכול איני א-ל**, דער אויבערשטער זאגט פאר כלל ישראל: 'ווען ענק זענען מיינע עדים, בין איך דער באשעפער. אבער ווען ענק זענען נישט מיינע עדים, בין איך כביכול נישט דער באשעפער'.

**מען** קען ערקלערן די כוונה פונעם מדרש, לויט ווי עס שטייט אין 'פסוק' (במדבר כג, כג), ***כִּי לֹא נַחַשׁ בְּיַעֲקֹב וְלֹא קֶסֶם בְּיִשְׂרָאֵל***. ווען כלל ישראל איז ערליך און טון נישט קיין עבירות, דארפן זיי נישט מורא האבן פון אלע סארט 'מנחשים' און 'מכשפים' (כישוף מאכער'ס וועלכע זוכן צו שלעכטס טון פאר כלל ישראל). אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין 'גמרא' (חולין ז:), אויפן פסוק (דברים ד, לה) ***אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ* - אפילו כשפים**, קיינער קען נישט געוועלטיגן און טון שלעכטס אן דעם ערלויבעניש פונעם באשעפער. און די גמרא פירט אויס, דער מענטש וועלכע האט גרויסע זכותים קענען נישט די מכשפים האבן א שליטה איבער אים און אים שעדיגן.

**קומט** אויס לויט דעם, ווען כלל ישראל האט זכותים, קענען די כוחות הטומאה נישט געוועלטיגן איבער כלל ישראל, און עס דערקענט זיך אויפן וועלט אז דער באשעפער איז דער איינציגסטער וואס געוועלטיגט 'אין עוד מלבדו'.

**אבער** אויב ח"ו כלל ישראל פארמאגט נישט קיין זכותים, דאן האבן די מכשפים א כח און מעגליכקייט צו שעדיגן כלל ישראל. דעריבער שטייט אין חז"ל (שם) אז זיי ווערן אנגערופען **'כשפים' על שם שמכחישין פמליא של מעלה**, (זיי טון אָפּשוואַכן די כח פונעם פמליא של מעלה, וויבאלד זיי טון שלעכטס פאר א מענטש, אפילו אויב עס איז נישט נגזר געווארן אויף אים פון אויבן, רש"י).

**מיט** דעם קען מען ערקלערן פשט אינעם אויבנדערמאנטן מדרש, **'כשאתם עדי'** ווען כלל ישראל זענען די עדים פונעם באשעפער, דאס הייסט זיי טון מצות און מעשים טובים, דאן - **'אני א-ל'** - דערקענט זיך אז דער אויבערשטער איז גאָט, ווייל די מכַשפים האבן נישט קיין כח צו שלעכטס טון, אזוי ארום ווערט באקאנט אויף די וועלט אז דער אויבערשטער איז דער וואס פירט דאס גאנצע וועלט, און עס איז 'אין עוד מלבדו'.

**דאקעגן, 'כשאין אתם עדי'** אויב כלל ישראל זינדיגט און האט נישט גענוג זכותים, וואס דאס ברענגט צו אז כשפים זאלן קענען געוועלטיגן און ח"ו שלעכטס טון פאר כלל ישראל, וואס דאס פארמינערט אויף די וועלט די פארשפרייטונג פונעם באשעפער, אז ער איז 'אין עוד מלבדו', ווערט דאס פאררעכנט **'כביכול איני א-ל'**, וויבאלד דער נאמען פונעם באשעפער ווערט נישט פארשפרייט (ועיי"ש בהמשך דברי רבינו). (פרשתינו אות ד)




## ישועות לעמך ביום ההילולא ו' אלול

**מיט פרייד טון מיר מעלדן,**
אז בס"ד, וועט היי-יאר ווידעראמאל פארקומען די דערהויבענע **מעמד 'שפתותיו דובבות',**
ווי הונדערטע אידן וועלן בס"ד לערנען אינאיינעם און מסיים זיין די ספרי רבינו, 'זרע שמשון' און 'תולדות שמשון', בעצם יומא דהילולא קדישא פון רבינו המחבר זי"ע.




מען קען זיך משתתף זיין און נעמען א טייל אין די הוצאות ההילולא, און אין די מעמד הלימוד שפתותיו דובבות, און איבערגעבן נעמען להזכרה צום ספעציעלן 'מעמד התפילה', וואס וועט פארקומען נאכן מסיים זיין די ספרים, צו געהאלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים, אזוי ווי דער מחבר זי"ע האט צוגעזאגט אין די הקדמה פון זיינע ספרים, אזוי אויך וועלן די נעמען ווערן איבערגעגעבן פאר די גדולי הדור וואס באגלייטן די פעולות פון 'האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון'.

**פאר מער פרטים קען מען זיך פארבינדן:**
ארה"ב 347-496-5657
ארץ ישראל 05271-66450
או באתר www.zerashimshon.co.il

**עס לוינט זיך נישט צו פארפאסן די געלעגנהייט!**



• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
| --- | --- | --- | --- |
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | דניאל אורי בן רג'ינה מלכה<br>להצלחה גדולה בלי גבול ומדה | רחמים בן בלהה<br>נלב"ע ו' אלול תשמ"ב ת.נ.צ.ב.ה. | הרה"ח רבי<br>קהת ב"ר אברהם יצחק ז"ל<br>נלב"ע ה' אלול תשס"ה ת.נ.צ.ב.ה. |

## ליכטיגקייט שיינט אויס צוביסלעך

**ווי** באקאנט האט די איבערשטער אויסגעלייזט כלל ישראל פון מצרים מיט גרויס איילעניש, כדי זיי זאלן נישט פארפאלן ווערן אין טומאת מצרים, אבער פארקערט וועט זיין ביי די גאולה לעתיד לבא, וואס דאס וועט צוגיין צוביסלעך. ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה ס, יט), והיה לך ה' לאור עולם. אזוי ווי ליכטיגקייט שיינט אויס צוביסלעך און קומט נישט ארויס מיט איין מאל, אזוי וועט זיין מיטן 'אורו של משיח' עס וועט אויפשיינען צוביסלעך און אויסריינעגן כלל ישראל, ביז מ'וועט זיין גענצליך גערייניגט און ראוי פארן גאולת עולם. (פרשתינו אות ח).

## טבילה איז א רמז אויף טהרת הנפש

**עס** שטייט אין גמרא (ר"ה טז:), **חייב אדם לטהר ברגל**. טראץ וואס היינטיגע צייטן זענען אלע טמאי מתים, און עס איז נישט שייך זיך צו רייניגן מיט די ריכטיגע טהרה, פארט איז דער מנהג צו זיין אפגעהיטן מיט די טבילה, ווייבאלד דאס איז א רמז אויף טהרת הנפש, און דורכדעם וואס די גוף ווערט טהור איז דאס מעורר אויף טהרת הנפש. (פרשתינו אות ד)

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרב עידן פנחסי הי"ו**
**פון די חשוב'ע ספרד'ישע קהילה אין שטאט נתיבות, ארץ ישראל:**

## געצווירן דאס ערשטע קינד אינעם טאג פונעם יארצייט

**איך** האב שוין ב"ה חתונה געהאט מיט העכער זיבן יאר צוריק, און איך האב די זכי' צו זיצן און לערנען אין כולל צוויי סדרים א טאג, און מיין אשת חיל האט א געלונגענע פאסטן אין די מארקעטינג ביזנעס, אזוי אז דער טאג טעגליכן לעבן פארט ב"ה רואיג און געשמאק על מי מנוחות.

**אבער** איין זאך האט צושטערט אונזער רואיגקייט און אונז נישט געלאזט קיין מנוחה, די פאקט אז אונז האבן נאכנישט זוכה געווען צו געבענטשט ווערן מיט זרע של קיימא.

**אין** די ערשטע יארן נאך מיין חתונה האב איך זיך נישט צופיל געזארגט איבער דעם, מיט די האפנונג אז בקרוב וועט מען אויפגעראכטן ווערן, אבער אזוי ווי עס איז אריבער א יאר נאך א יאר, איז די דאגה געווארן גרעסער, און מען האט זיך שוין אנגעהויבן צו זארגן וואס וועט זיין ווייטער.

**עס** איז געווען אין געווענליכע ווינטער'דיגע שבת, איך בין געגאנגען דאווענען אין מיין קביעות'דיגע שול אין מיין געגנט, דארט אין ביהמ"ד האב איך געפונען אויפן טיש א אויסגאבע מיטן נאמען 'כל העלונים' וואס דאס איז א זאמלונג פון אסאך שיינע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך, און מען טוט דאס צאמנעמען און ארויסגעבן אינאיינעם אויף א שיינע פארמאט.

**דורכבלעטערונג** די צענדליגע גליונות פון אלע סארטן, האב איך געטראפן דער גליון 'זרע שמשון' וואס ברענגט אראפ תורות און געדאנקן פונעם גרויסן צדיק און מקובל 'רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זצוק"ל', און דארט איז געווען צוגעשריבן די גרויסע הבטחה וואס דער צדיק האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס וועלן לערנען זיין ספר, אז זיי וועלן געהאלפן ווערן מיט 'בני חיי און מזוני'.

**גלייך** אויפן ארט בין איך זייער נתרגש געווארן פון די גרויסע הבטחה פונעם צדיק, א צדיק וואס האט געלעבט אין די פריערדיגע דורות - אין די צייטן פונעם אור החיים הקדוש - מיט דריי הונדערט צוריק, און זאגט צו אזעלכע גרויסע הבטחות, האב איך געשפירט אז די הבטחה וועט מיר זיכער ביישטיין, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועל איך געהאלפן ווערן מיט א ישועה.

**גלייך** נאך שבת האט איך געקויפט דער ספר 'זרע שמשון' און אנגעהויבן צו לערנען יעדן טאג בקביעות, נישט נאר דאס, איך האב אויך געוואלט צולייגן און האבן א 'זכות הרבים', האב איך געבעטן פונעם רב פון אונזער שול וועלכע לערנט פאר א טעגליכן 'הלכה שיעור' צווישן מנחה און מעריב, אויב ער קען באשטיין און צולייגן ביים ענדע פונעם שיעור א ווארט פונעם זרע שמשון, און דאס זאל מיר זיין א זכות אז איך זאל בס"ד אויפגעראכטן ווערן בקרוב.

**דער** רב האט גערן צוגעשטימט, און מיט רשות פון די באטייליגטע פונעם שיעור, האט ער אנגעהויבן פארצולערנען יעדן טאג א שטיקל זרע שמשון, און די עולם האט דאס אנגענומען זייער ווארעם, אזוי ארום האב איך געהאט די זכי' צו פארמערן לומדים אינעם ספר זרע שמשון.

**ב"ה** היינט קען איך שוין קומען פארציילן די גוטע בשורה - פירט אויס הרב פנחסי הי"ו - מיט ווייניגער פון א יאר זינט איך האב אנגעהויבן צו לערנען און מזכה זיין די רבים מיט די תורות פונעם זרע שמשון, בין איך ב"ה געהאלפן געווארן מיט מיין ערשטע מיידעלע בשעה טובה ומוצלחת, און צו מיין וואונדער - באטראכטנדיג דער קאלענדער - האב איך געכאפט אז דאס קינד איז געבוירן געווארן אינעם טאג ו' אלול, דער טאג פונעם יארצייט פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע.

**דאס** איז מיר געווען א קלארע סימן און צייכן אז דער זכות פונעם צדיק איז מיר בייגעשטאנען צוזאמען מיטן זכות הרבים וואס איך האב געטון צו פארמערן נאך לומדים וואס זאלן לערנען תורת ה'זרע שמשון', און איך בין געהאלפן געווארן מיט א ישועה בזכות די גרויסע הבטחה פונעם מחבר זי"ע אינעם טאג פון זיין יארצייט.

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120